**פיין וועלי ריהעב: די בעסטע, שענסטע און שנעלסטע ערהוילונג**

פיין וועלי ריהעב האָט זיך איינגעהאַנדעלט אַ נאָמען פון אַן אויסערגעוועינליכע רעהעביליטאַציע צענטער, אַדאַנק די צופרידענע קליענטן וועלכע גייען אַרויס פון דאָרט באַאיינדרוקט פון די העפליכע, איבערגעגעבענע סערוויסעס, און איבער אַלעמען די גיכע און שטוינענדע ערהוילונג פון וואָס זיי געניסן אַדאַנק די אויסערגעוועינליכע סטעף אין דעם צענטער.

די אויסערגעוועינליכע צופרידנהייט ראַטע, און הויכער פּראָצענט קליענטן וועלכע קומען דאָרט צו די פולקאָמע כוחות, האָט געברענגט דעם שרייבער פון די שורות נאָכצוגיין וואָס עס איז די סיבה דערצו. נאָכן זיך באַקענען מיט דעם צענטער פון דער נאָנט – באַזוכנדיג דעם אָרט און רעדנדיג צו די איינגעשטעלטע, די וואָס ערהוילן זיך דאָרט, און זייערע קרובים – שטעלט זיך אַרויס אַז איינע פון די באַשיינפערליכע פאַקטאָרן צו די געוואַלדיגע הצלחה איז די גאָר נאָנטע צוזאַמענאַרבעט פון די גאַנצע סטעף, מיט וואָס דער צענטער צייכנט זיך אויס.

אַריינקומענדיג אין אַזאַ גרויסן פאַרצווייגטן ריהעב צענטער ווי פּיין וועלי, האָבן מיר געשטוינט צו באַגעגענען אַ זעלטענע אחדות און אויסערגעוועינליכע צוזאַמענאַרבעט צווישן אַלע אָפּטיילונגען און איינגעשטעלטע. עס האָט נישט אויסגעפעלט מער ווי עטליכע מינוט זיך אומקוקן און שמועסן מיט די איינגעשטעלטע און קליענטן, איינצוזען אַז ביוראָקראַטיע עקזיסטירט נישט אין פּיין וועלי, וואָרים אַלעס האָט איין געמיינזאַמער ציל, צו דערגרייכן די וואוילזיין פון די צייטווייליגע איינוואוינער, און צו פאַרזיכערן אַז די וואָס זענען דאָרט פאַר רעהעביליטאַציע זאָלן וואָס גיכער אַהיים גיין אויף די אייגענע פיס און זעלבסטשטענדיג.

מיט וועמען מיר האָבן נאָר גערעדט, אָנגעהויבן פונעם אייגנטומער, דירעקטאָר, מעדיקאָל דירעקטאָר, הויפּט דאָקטאָר, טעראַפּיסטן, סאָשעל סערוויסעס און די וואָס פירן אָן די אַקטיוויטעטן, האָבן מיר איבערגעהערט דעם זעלבן פזמון: "מיר אַרבעטן אין אַן אינטערדיסיפּלינערי טיעם. (צוזאַמענ-אַרבעטנדע דיסציפּלינירטע גרופּע)" אַ וואָרט און אַ באַגריף

פון וואָס מיר האָבן פריער נישט געהערט אָבער מיר האָבן זיך שנעל איבערצייגט דיווירקליכייט דערפון.

"דאָ איז אַ קליינע משפחה. קיינער וועט דיר נישט זאָגן אַז דאָס איז נישט מיין אַרבעט," האָט אונז געזאָגט די פיזיקעל טעראַפּיסט.

שוין אָפּגערעדט אַז די פיזיקעל און אָקופּעישאָנעל טעראַפּיסט אַרבעטן האַנט ביי האַנט. פיזיקעל און אָקופּעישאָנעל טעראַפּי זענען אָפיציעל צוויי פעלדער - פיזיקעל מיינט געוועגליך אַז מען לערנט אויס דעם מענטש צוריק צו באַקומען די פיזישע מעגליכקייטן, זיך באַלאַנצירן, גייען א.ד.ג., בעת אָקופּעישאָנעל דאַרף העלפן דעם מענטש דורכפירן טאָג-טעגליכע אויפגאַבעס, ווי זיך אָנטאָן, צוקנעפּלען, באָדן, אַרבעטן א.ד.ג. – אָבער אין פיין וועלי עקזיסטירן נישט די ליניעס צווישן די צוויי סאָרטן טעראַפּיס.

ביידע אָפּטיילונגען אַרבעטן האַנט ביי האַנט צו פאַרזיכערן אַז יעדער באַקומט צוריק די מאַקסימאַלע פיזישע כוחות און מעגליכקייטן, און לערנט זיך דורכצופירן די טעגליכע אויפגאַבעס. אַרבעטנדיג אינאיינעם דערגרייכט מען די רעזולטאַטן פיל שנעלער און בעסער, אַרבעטנדיג פון ביידע ריכטונגען אויף אַמאָל, צו דערגרייכן דעם ציל אַז יעדער זאָל צוריקבאַקומען די נויטיגע זעלבסטשטענדיקייט און מעגליכקייטן אַליין דורכצופירן די טעגליכע אויפגאַבעס אינדערהיים און ביי די אַרבעט, און נישט זיין אָנגעוויזן אויף די הילף און באַדינונגען פון אַנדערע.

דער גרעסערער חידוש איז אַז אפילו אויסער דעם טעראַפּי פּלאַץ, העלפן אויך די אָנגעשטעלטע די טעראַפּיסטן צו פאַרזיכערן אַז די קליענטן זענען אַקטיוו און פּראַקטיצירן די טעראַפּי וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן.

ווען מען הייבט אָן טעראַפּי, ערקלערן אונז די טעראַפּיסטן, איז זייער ראַטזאַם אַז צווישן די טעגליכע טעראַפּי סעסיעס זאָל מען אָנהאַלטן און פּראַקטיצירן דאָס וואָס מ'האָט שוין דערגרייכט אינעם טעראַפּי צימער. אויב נישט דאַרף מען דעם קומענדיגן טאָג פאַרשווענדן אַ טייל פון די

טעראַפּי צייט איבערצוגיין דאָס אויף וואָס מ'האָט שוין געאַרבעט אַ טאָג פריער. דאָס לאָזט איבער זייער ווייניג צייט צו גיין ווייטער און דערגרייכן שנעלערע רעזולטאַטן, ווייל נאָכאַמאָל פּראַקטיצירן די נעכטיגע מוטשעט אויס דעם באַטרעפנדן און ווען עס קומט צו פרישע טעראַפּיס איז שוין זייער שווער דאָס דורכצופירן.

דאָ קומען צו הילף די נוירסעס וועלכע געבן זיך אָפּ מיט די מיטגלידער במשך דעם טאָג. ווען מען לערנט איינעם גיין, וועלן די טעראַפּיסטן איבערגעבן צו די נוירסעס אַז מען דאַרף זען אַז דער באַטרעפנדער זאָל גיין, און ווען יענער דאַרף ערגעץ אָנקומען אָדער עפּעס נעמען, זאָל מען אים מוטיגן דעם באַטרעפנדן צו גיין צופיס און אַליין נעמען אָדער ערלעדיגן וואָס יענער דאַרף – ווי מאַכן אַ קאַווע, נעמען אַ צובייס א.ד.ג..

צומאָל וועט מען אפילו איבערגעבן אַ פונקטליכע צאָל טריט וואָס יענער דאַרף שטעלן, אויף וואָס די נוירסעס וועלן האַלטן אַן אויג. אויב עס וועט אויספעלן וועט מען אויך זען אַז יענער זאָל כאַפּן אַ שפּאַציר אינדרויסן אויף די הערליכע פאָרשט און גראָזיגע גראַונדס אַרום דעם צענטער, וואו עס איז אַ פאַרגעניגען צו פאַרווײלן אויף די פרישע, אַנגענעמע לופט, אין שאָטן פון הערליכע ביימער, שמעקעדיגע בלומען, און הערליכע נאַטור וואָס איז ממש אַ דערקוויקעניש.

דאָס האָט אַ דאָפּלטע מעלה. אויסער וואָס עס פאַרזיכערט אַז דער באַטרעפנדער פאַלט נישט צוריק פון די טעראַפּי וואָס מ'איז שוין דורך, איז די אומדירעקטע טעראַפּי - ווען מען איז נישט אין טעראַפּי צימער און מען איז נישט אונטערן איינדרוק אַז מ'טוט עס אַלס טייל פון אַ טעראַפּי רעצעפּט, נאָר מען טוט עס ווייל מ'וויל ערגעץ אָנקומען – אָפט פיל ווירקזאַמער און לייכטער ווי ווען מען איז אונטער דרוק פון דאַרפן טאָן טעראַפּי.

דאָס זעלבע אַרבעטן אַלע אָפּטיילונגען נאָנט צוזאַמען אויף נאָך פאַרשידענע אופנים צו פאַרזיכערן די הצלחה פון יעדן איינציגן מיטגליד, בעת די אַדמיניסטראַציע איז אויך נאָנט פאַרבינדן מיט די שטאַב. די איינגעשטעלטע שפּירן זיך באַקוועם אַז זיי קענען פאַרלאַנגן פון די

פירערשאַפט וואָס זיי ווילן, און אויסדרוקן זייערע מיינונגען איבער וואָס עס איז נויטיג לטובת די קליענטן, וואָס די אַדמיניסטראַציע וועט אויסהערן און נאָכקומען.

אַן איינגעשטעלטע זאָגט אונז: "מיר שפירן זיך נישט ווי אַ נידריגערע שטאַפל ווי די אַדמיניסטראַציע. אפרים'ס (ר' אפרים שטייף הי"ו – דער אייגנטומער) און מייק'ס (דער נאָמען מיט וואָס ר' אלי טראָפּער הי"ו, דער אַדמיניסטראַטאָר, איז דאָרט באַקאַנט) טירן זענען שטענדיג אָפען. מיר קענען שטענדיג אַריינגיין און זאָגן וואָס מיר ווילן, און אפילו זיך אָפּרעדן רואיגערהייט."

אָט די צוזאַמענאַרבעט און דאָס וואָס אַלע איינגעשטעלטע שפּירן אַז אַלעס שעצט זייער אַרבעט און אַלע זוכן אינאיינעם די אינטערעסן פון יעדן קליענט, איז די ערקלערונג וואָס מיר האָבן געהערט פאַרוואָס פיין ועלי אַרבעטער האַלטן זיך דאָ אויף אַזוי לאַנג.

אין קאָנטראַסט צו די מענטשן וועלכע קומען אַהער צו געניסן פון רעהעביליטאַציע וועלכע פאַרלאָזן דעם אָרט זייער גיך, נאָכן דערפאָלגרייך ענדיגן די טעראַפּי פּראָגראַם - בלייבן די פיין וועלי איינגעשטעלטע פיל לענגער אין דעם צענטער ווי אין אַנדערע אַזעלכע אַרבעטס-פּלעצער. מיר האָבן באַגעגנט איינגעשטעלטע וועלכע זענען שוין דאָרט איבער דרייסיג יאָר, און אַ גרויסער טייל פון די אַרבעטער זענען אויפן זעלבן פּלאַץ איבער צען אָדער צוויי צענדליגער יאָרן.

"מיר שפירן זיך ווי אַ שיינע, וואַרימע משפחה. מיר קומען נישט בלויז אַריינפּאָנטשען צופרי און אַרויספּאָנטשען ביינאַכט. מיר אַרבעטן אויף אַ ציל און מיר שפּורן זיך אַלס אַ טייל פון די מיסיע. אַסאַך ווערן פּערזענליך אָנגעקנופּט און פאַרבינדען מיט די מענטשן וועלכע קומען אַהער פאַר רעהעביליטאַציע," דרוקט זיך אויס די פיזיקעל טעראַפּיסט.

גענוי ווי די אַרבעטער שפּורן אַ נאָנטקייט צווישן זיך און מיט די פירערשאַפט, האָבן די מיטגלידער אויך דעם זעלבן אָפענעם טיר און צוטריט צו ר' אפרים שטייף. זיין אָפיס איז שטענדיג אָפען פאַר זיי, אַזוי אויך גייט ער אַרום זיך נאָכפרעגן ווי אַזוי זיי פאַרברענגען דאָרט, און ער איז פּערזענליך

פאַרנומען זיכער צו מאַכן אַז יעדער געפינט זיך דאָרט באַקוועם פונקט ווי אינדערהיים, און יעדער געניסט פון די בעסטע און העפליכסטע באַדינונגען.

ר' אפרים איז פערזענליך פאַרנומען מען זאָל צושטעלן דאָס בעסטע און ווירקזאַמסטע פאַר יעדן וואָס קומט אַריין אינעם צענטער. ער זאָגט אונז אַז זיין הויפּט ציל איז טאַקע צו פאַרזיכערן די בעסטע טעראַפּיס און געזונטהייט באַדינונגען אַז יעדער זאָל וואָס פריער קענען פאַרלאָזן דעם צענטער, אויף די אייגענע פיס און מיט זעלבסטשטענדיגע כוחות, אָבער ווי לאַנג מ'איז דאָרט אַרבעט ער צו צושטעלן פאַר יעדן אַן אַנגענעמע, באַקוועמע סביבה, וואו מ'ווערט באַדינט העפליך און געטריי.

די צופרידנהייט פון די קליענטן זענען די בעסטע עדות אַז ר' אפרים דערגרייכט די צוויי צילן: אַ שנעלע ערהוילונג כדי מ'זאָל וואָס פריער אַהיימגיין מיט די פולקאָמע כוחות, און דערווייל ווײלט מען אינעם בעסטן אָרט און מען געניסט פון די בעסטע באַדינונגען.